בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת שמות
כא טבת
שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 4, גליון 8
(95)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיפְרוּף פוּן אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה נֵרוֹ יָאִיר; נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', אוּן גֶעעֶנְדִיגְט מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה, אַז דִי הֵיילִיגֶע חֶבְרַיָּא הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּזַאם גֶעטְרָאפְן, אוּן דֶער גִּבּוֹר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם קֶענִיג: **"וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט דֶעם מְדִינָה וָואס זֶענֶען אַזוֹי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט?"** הָאט דֶער קֶענִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"דוּרְךְ דֶעם וֶועג צוּם שְׁוֶוערְד קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין תַּאֲווֹת מָמוֹן; אִין דִי זַייט פוּן דֶעם וֶועג וָואס פִירְט צוּם שְׁוֶוערְד, אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וָואס פִירְט צוּ אַ קָאךְ וָואס דָארְט אִיז דָא אַלֶע עֶרְלֵיי עֶסְנְוַוארְג..."**

מִיר הַאלְטְן דָא אִינְמִיטְן וֶוען דֶער קֶענִיג רֶעדְט צוּם גִּבּוֹר. דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

בכן זאלסטו זיי פירין (דהיינו די לייט פון דער מדינה פון עשירות וואס זיי זענען גאטין) פריר אקעגין ווינט. כדי דער ריח פון די מאכלים. זאל זיי פאר גייען. דערנאך אז דו וועסט זיי גיבין פון די מאכלים. וועלין זי שוין בוודאי אוועקווארפין די תאוה פון געלט.

האט דער גבור אזוי גיטאן. און האט גינומען די דאזיגע לייט. דהיינו די גרויסע לייט פון דער מדינה פון עשירות וואס זיי זענען גאטין אין זייער מדינה. וואס זיי זענען אהער גיקומען מיט דעם ממונה כנ"ל און אז זיי זענען ארויס גיגאנגען פון זייער מדינה מיט דעם ממונה האבין זיי די מדינה כח גיגיבן. אז וואס זיי וועלין טאן זאל זיין גיטאן. און גאר די מדינה מוז צו שטיין אויף דעם אלימען וואס זי וועלין טאן. האט דער גבור גינומען די לייט. און האט זיי גיפירט אין דעם וועג. (וואס דער מלך האט אים גיזאגט כנ"ל) און ער האט זיי גיבראכט ביז דער קעך וואס דארט זענען די מאכלים.

דִי פֵּיינֶע עֶסְן זֶענֶען דִי תּוֹרוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

און פריר האט ער זיי גיפירט א קעגין ווינט איז זיי פאר גאנגען דער ריח פון די מאכלים. האבין זיי אים אנגיהויבין זייער צו בעטין אז ער זאל זיי גיבין פון די גוטע מאכלים. דערנאך האט ער זיי גיפירט פון דעם ווינט. האבין זיי אנגיהויבין צו שרייען. סע שטינקט זייער. האט ער זיי ווידער גיבראכט אקעגין ווינט. איז זיי ווידער פארגאנגען דער גוטער ריח פון די מאכלים. האבין זיי אים ווידער זייער גיבעטין. אז ער זאל זיי גיבין פון די מאכלים דערנאך האט ער זיי ווידער גיפירט פון דעם ווינט האבין זיי ווידער אנגיהובין צו שרייען סע שטינקט זייער ווילד. האט זיך דער גבור צו זיי אנגירופין. איר זעהט זיך אז סע איז דא גאר ניט פארהאנדין קיין שום זאך וואס סע זאל שטינקען. מוז בוודאי זיין אז איר אליין שטינקט עס. ווארן דא איז ניט דא קיין שום זאך וואס סע זאל האבין א ריח רע.

## מֶען פַאלְט צוּרִיק אַרָאפּ

מֶען זֶעט דָא אַז וִוילַאנְג זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמֶעקְט דִי גֶערוּךְ פוּן דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים, אִיז זֵיי גֶעוֶוען גוּט, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע מִינוּט וֶוען זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט שְׁמֶעקְן דֶעם אַיינְגֶענֶעמֶען גֶערוּךְ אִיז זֵיי גֶעוָוארְן שְׁלֶעכְט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן "עֶס שְׁטִינְקְט זֵייעֶר"; אַזוֹי גֵייט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִין אָנְהֵייבּ בְּרֶענְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּן תַּכְלִית.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ גֵיין צוּם קָאךְ, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מֶען זֶעט וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען מַאכְט אָפּ אַז מֶען גֵייט וֶוערְן גוּט אוּן אָפְּלָאזְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן קָאךְ, מֶען פָארְט אַהֵיים פוּן רֶבִּי'ן, פַאלְט מֶען צוּרִיק אַרָאפּ; דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק צוּ בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן חַס וְשָׁלוֹם.

דערנאך. האט ער זיי גיגיבן פון די מאכלים. ווי זיי האבין גיגעסין פון די מאכלים. האבין זיי תיכף אנגיהויבין אוועק צו ווארפין פון זיך דאס געלט. און איטליכער האט זיך אויסגיגראבין א גרוב. און האט זיך באגראבין אין דעם גרוב מחמת גרויס בושה וואס זיי האבין זיך זייער גישעמט. ווארין זיי האבין דערפילט ווי דאס געלט שטינקט זייער. ווייל זיי האבין פארזוכט פון די מאכלים.

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם מְדִינָה הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְזוּכְן דִי מַאֲכָלִים פוּנֶעם צַדִּיק, דִי הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען דָאס גֶעמֵיינְקֵייט פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן וִוי דָאס גֶעלְט שְׁטִינְקְט.

און זיי האבין זיך צוריסין דאס פנים און זיי האבין זיך באגראבין. און האבין דאס פנים גאר ניט גיקאנט אויף הייבין. און איינער פאר דעם אנדערין האט זיך גישעמט. (ווארין אזוי איז די סגולה פון די מאכלים. אז ווער סע עסט פון די מאכלים האט ער זייער פיינט געלט) ווארין דארט אין דעם ארט. איז דאס געלט די גרעסטע בושה פון אלע בושות. און אז איינער וויל דעם אנדערין עפעס אויס ווארפין. ווארפט ער אים אויס דו האסט געלט. ווארין געלט איז דארט זייער א גרויסע בושה און וואס איינער האט מער געלט שעמט ער זיך מער. איבער דעם האבין זיי זיך באגראבין מחמת גרויס בושה. און איטליכער האט נישט גיקענט אויף הייבין דאס פנים אפילו פאר דעם אנדערין. מכל שכן. פאר דעם גבור. און ווער סע האט נאך ביי זיך גיפונען עפעס איין גילדין אדער א גראשין האט ער אים מבער גיווען פון זיך תיכף און ער האט אים א ווארף גיטאן פון זיך.

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף גֶעלְט

פוּן אֵיין זַייט הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן גֶעלְט, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפא): וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען

קְרֶעכְצְן צוּם רֶבִּי'ן אַז זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן גֶעלְט, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי פַארְשֶׁעמֶען, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵיי פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, וְויאַזוֹי קֶען דָאס פַּאסִירְן? מֶען הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען אַסאךְ צַייט פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה צוּ קֶענֶען פַארְדִינֶען דָאס גֶעלְט, אוּן יֶעצְט אַז מֶען הָאט עֶס פַארְלוֹירְן וֶועט מֶען נָאכְאַמָאל דַארְפְן אוֹיסְגֶעבְּן דִי צַייט לְבַטָּלָה; אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דֶער רֶבִּי פַארְמִיאוּסְ'ט תַּאֲווֹת מָמוֹן; אָבֶּער עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִּירָה, מֶען דַארְף טַאקֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט עֶס נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן, מֶען זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אוּן קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי רֶענְט אוּן מָארְגֶעדְזְשׁ אִין צַייט, אָבֶּער דִי אֱמוּנָה, דִי רָצוֹן, דִי חָלוֹם, דִי תְּשׁוּקָה, זָאל זַיין 'גֶעלְט'?! דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית, דֶער גַאנְצֶער פְּיוּטְשֶׁער וואו דֶער מֶענְטְשׁ וְויל צוּקוּמֶען זָאל זַיין גֶעלְט?!

## נָאכְאַלְץ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז: 'מַיין תַּכְלִית, מַיין פְּיוּטְשֶׁער, מַיין וִוילְן, אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְאַלְץ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'. אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוְוֵיינְט אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְּרוּבִּירְט אַהֶער אוּן אַהִין, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צַייט אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט: **"קוּק אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע בָּארְד, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ בְּדֵעָה, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ אַ פְּלַאן, צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

אַז מֶען הֵייבְּט אָן פַארְזוּכְן דֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן 'וָואס וִויל אִיךְ? אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דַאוְוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה'.

אַז מִיר זֶענֶען דָא בַּיים רֶבִּי'ן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם מִיט חֲבֵרִים, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן גֶעלְט אַז 'דֶער הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט' אוּן 'דֶער הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט', זָאל מֶען רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, נָאךְ אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן, נָאךְ אַן הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען אִיךְ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֵייט אַרִיבֶּער וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, קֶען מֶען נָאכְאַלְץ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דערנאך איז דער גבור צו זיי גיקומען און האט זיי ארויס גינומען פון זייערע גריבער וואס זיי האבין זיך דארט באגראבין פאר בושה. און ער האט צו זיי גיזאגט קומט מיט מיר. ווארין היינט באדארפט איר שוין קיין מורא ניט צו האבין פאר דעם גבור. ווארין איך בין דאס אליין דער גבור.

## דֶער גִבּוֹר אִיז גָאר דִי יְשׁוּעָה

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דֶער 'גִבּוֹר' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי 'מִדַּת הַגְּבוּרָה' וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ לַיידְט צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר מֶער נִישְׁט מוֹרָא פוּנֶעם גִבּוֹר, פַארְקֶערְט, עֶר זֶעט אַיין אַז דֶער גִבּוֹר אִיז גָאר גֶעוֶוען זַיין יְשׁוּעָה, דוּרְךְ זַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט:** אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן 'וָואס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן?' וֶועט עֶר זֶען אַז זַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער, אָדֶער זַיין מַצָּב וָואס עֶר גֵייט נָאכְאַלְץ אַרִיבֶּער, דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּם רֶבִּי'ן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַלְץ וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת תֵּצֵא, סִימָן ב): **"צָרִיךְ אָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסוּרִין בָּאִין עָלָיו. לָמָּה, שֶׁהַיִּסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא"**, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַחֲזִיק טוֹבָה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

סְתָּם אַזוֹי גֵייט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ צוּם שַׁאפֶע נֶעמֶען אַ תְּהִלִים, נָאר וֶוען עֶר אִיז פַארְוֵוייטָאגְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעם, דֶער דָאקְטֶער הָאט עֶפֶּעס אָנְגֶעשְׁרָאקְן, דַאן נֶעמְט עֶר אַ תְּהִלִים אוּן זוּכְט וָואס עֶר קֶען זִיךְ עֶפֶּעס פָארְנֶעמֶען צוּ פַארְרֶעכְטְן, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער פְּרָאבְּלֶעם הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַדִיק, וֶוען עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט, הֵייבְּט עֶר אָן שֶׁעלְטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי לְהַבְדִיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָלוֹת - אַ גוֹי טָמֵא - וֶוען עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט הֵייבְּט עֶר אָן שֶׁעלְטְן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט גוּט פַאר אַ גוֹי, עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דָאס עֶרְשְׁטֶע שֶׁעלְט עֶר זַיין אָפְּגָאט מִיט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת... אָבֶּער אַ אִיד וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים, דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא פוּנֶעם גִבּוֹר, דֶער גִבּוֹר אִיז זַיין פְרֵיינְד, וַוייל דֶער גִבּוֹר בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

האבין זיי גיבעטין דעם גבור אז ער זאל זיי גיבין פון די מאכלים כדי זיי זאלין פירין אין זייער מדינה אריין. ווארין זיי אליין וועלין שוין בוודאי פיינט האבין געלט. לושמיר זיי האבין גיוואלט אז די גאנצע מדינה זאלין ארויס פון דער תאוה פון געלט.

## דֶער סִימָן פוּן תְּשׁוּבָה

דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן תְּשׁוּבָה, דֶער מֶענְטְשׁ בַּאגְנוּגְנְט זִיךְ נִישְׁט בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם אֱמֶת, נָאר עֶר וִויל אוֹיךְ מְזַכֶּה זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

האט דער גבור זיי גיגיבין פון די מאכלים האבין זיי גיפירט די מאכלים אין זייער מדינה אריין און תיכף ווי זיי האבין זיי גיגיבן פון די מאכלים. האבין זיי אלע תיכף אנגיהויבין אוועק צוווארפין זייער געלט און האבין זיך באגראבין אין דער ערד פאר גרויס בושה. און די גרויסע עשירים און די גאטין. האבין זיך מער גישעמט. און די קליינע לייט וואס זיי פלעגין הייסין ביי זיי חיות און עופות האבין זיי זיך אויך גישעמט נאך וואס זיי זענען ביז אהער ביי זיך אזוי קליין גיוועזן ווייל זיי האבין קיין געלט ניט. ווארין היינט. האבין זיי שוין גאווסט אז אדרבא פארקערט געלט איז דער עיקר בושה. ווארין די מאכלים האבין אין זיך אזוי א סגולה אז ווער סע עסט פון די מאכלים. איז ער זייער ממאס געלט. ווארין ער פילט דעם ריח רע פון געלט אזוי ווי פון טינוף פונקט. האבין זיי אלע אוועק גיווארפין זייער געלט. און זייער גאלד און זילבער. דערנאך האט מען זיי גישיקט דעם בעל תפלה. האט ער זיי אויס גיגיבן תשובות און תיקונים. און ער האט זיי גירייניקט און דער מלך איז גיווארין א מלך איבער גאר דער וועלט. און גאר די וועלט האט זיך אום גיקערט צו גאט ברוך הוא. און זיי האבין אלע עוסק גיוועזן נאר אין תורה און תפלה און תשובה און מעשים טובים: אמן כן יהי רצון ברוך ה' לעולם אמן ואמן.

סע שטייט אין פסוק אז השם יתברך האט איין אויבין אין דעם ארט און דאס פייער איז אויף איין אנדער ארט. כמו שכתוב (בישעיה ל"א): "נאום ה' אשר אור לו בציון ותנור לו בירושלים": די גאנצע מעשה איז מרומז אין דעם קאפיטל ישעיה ל"א ע"ש.

דער סדר פון דעם מלך מיט זיינע לייט איז אזוי דער בעל תפלה מיט דעם גבור. דער ממונה על האוצרות מיט דעם חכם. דער מליץ מיט דעם אוהב נאמן. די בת מלכה מיט דעם קינד. דער מלך מיט דער מלכה. און זיי זענען צעהן זאכין. וואס די צעהן פאר רעכטין גאר די וועלט. און נעמען ארויס איטליכן פון זיין

נארישקייט. און קערן אום אלע צום רעכטן אמת.

### אַ שִׁיעוּר אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן עֶסְן דִי גוּטֶע עֶסְן פוּן רַבִּי'ן, אַז מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רַבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רַבִּי'ן; דֶער רַבִּי הָאט גֶעזָאגְט פָאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (שִׂיחוֹת הַר"ן, סִימָן רנא) אַז אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל דוּרְכְצוּזָאגְן גַאנְץ 'תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים', אוּן רַבִּי נָתָן הָאט צוּגֶעלֵייגְט מֶען זָאל אוֹיךְ לֶערְנֶען דֶעם רַבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

דֶער רַבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "**שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ**", מֶען קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר. "**וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ**", נָאךְ הָאט דֶער רַבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן". דֶער לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אַזוֹי וִוי אַן אָפֶּערַאצְיֶע, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיינֶע אָדֶערְן זֶענֶען אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁטָאפְּט מִיט אַלֶע תַּאֲוֹות רָעוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען דֶעם רַבִּינְ'ס סֵפֶר אוֹיפְשְׁנֵיידְן אוּן אוֹיפְשְׁטָאפְּן זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

### תּוֹרָה אִיז אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ

אִין אָנְהֵייב קֶען מֶען נַאכְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רַבִּי זָאגְט, דַארְף מֶען בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן צוּם סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין. אֲפִילוּ עֶס הֶערְט זִיךְ וואוּנְדֶערְלִיךְ אַז דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט עַל פִּי שֵׂכֶל, אִיז דִי תּוֹרָה נִישְׁט סְתַּם אַ חָכְמָה וָואס מֶען לֶערְנְט זִיךְ, תּוֹרָה אִיז אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, אוּן אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטַאנְד אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): "**לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ**", אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, וֶוער עֶס פִּירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג דֶער קֶען פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה אוּן וֶועט גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן, וַוייל אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ פַארְנֶעמְט נִישְׁט קֵיין פְּלַאץ, עֶס קֶען זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייטְן אָן קֵיין שִׁיעוּר, נָאר וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף דִי תּוֹרָה וִוי אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאךְ, דֶער קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תּוֹרָה נָאר וִויפִיל עֶס גֵייט אַרַיין אִין זַיין מֹחַ. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רַבִּי דֶעם פָּסוּק: "**לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה**", אַז 'יָמוּשׁ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מַמָּשׁוּת, דָאס וָוארְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה: מַאךְ נִישְׁט קֵיין גַשְׁמִיּוּת פוּן דִי תּוֹרָה, נָאר קוּק אוֹיף דִי תּוֹרָה וִוי אַ זַאךְ וָואס אִיז רוּחָנִיּוּת וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

### פְּרוּבִּיר עֶס אַלֵיינְס אוֹיס

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "**וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער?**" אוּן: "**אַז מֶען וֶועט בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן קֵיין דַיָּנִים?!**" - פְּרוּבִּיר עֶס אַלֵיינְס אוֹיס, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא, אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיינְס זֶען וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ, צוּם סוֹף הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רַבִּי'ן אִיז עֶס נִישְׁט אוֹיף אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען, עֶס אִיז נָאר אוֹיף צוּ מוֹסִיף זַיין, הַאלְט אָן דַיינֶע שִׁיעוּרִים מִיט חֲבֵרוּתוֹת, דֶער טָאג אִיז גֶענוּג לַאנְג אוֹיף צוּלֵייגְן, אוֹיסֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְן אִין אַ סֵדֶר אָן אָפְּשְׁטֶעל, לֶערְן אֵיין פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט שַׁ"ס, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אֵיינְמָאל, נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהֵייבּ.

אֵיינֶע פוּן דִי פְרַאגֶעס וָואס מֶען וֶועט פְרֶעגְן אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט זַיין אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, דֶער רַבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזאַ שֵׁיינֶע דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (עַיֵּין שִׂיחוֹת הַר"ן, סִימָן עו), אַז מֶען פַאלְגְט דֶעם רַבִּי'ן קֶען מֶען עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: '**וִוי קוּם אִיךְ אָן צוּ זֹהַר הַקָּדוֹשׁ? הַלְוַאי זָאל אִיךְ כָאטְשׁ עֶנְדִיגְן חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י**...' מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רַבִּי'ן, אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן בֵּיידֶע, קֶען מֶען בֵּיידֶע עֶנְדִיגְן, אוּן אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל וְכוּ'.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ רֵייכֶע קְהִלָּה, מִיר הָאבְּן אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען יֶעדֶעס יָאר מְסַיֵּים שַׁ"ס, מֶען קֶען עֶס בַּאווַייזְן, דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ל, יב): **לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא לֵאמֹר** מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה - דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן; צוּ גוֹרֵס זַיין זִיבְּן בְּלַאט אַ טָאג נֶעמְט בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה, אַזוֹי קֶען מֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר תַּלְמוּד בַּבְלִי.

### וֶוער אִיז דֶען זִיךְ מְיָאֵשׁ?...

מֶענְטְשְׁן מַאכְן חוֹזֶק פוּן בְּרֶעסְלֶב'ער חֲסִידִים: "**מֶען זִינְגְט אַ גַאנְץ יָאר 'גְעוואלְד זַייט אֵייךְ נִישְׁט מְיָאֵשׁ', עֶס אִיז אַזַא שֵׁיינֶע ווֶעלְט, ווֶער אִיז דֶען זִיךְ מְיָאֵשׁ?...**" וָואס מֵיינְסְטוּ, וָואס מֵיינְט יֵאוּשׁ? דָאס אַז דוּ טְרַאכְסְט נִישְׁט דוּרְכְצוּלֶערְנֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל 'רַמְבַּ"ם', דָאס אַז דוּ טְרַאכְסְט נִישְׁט דוּרְכְצוּגֵיין כָאטְשׁ אֵיינְמָאל גַאנְץ ד' חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, בִּיסְט צוּפְרִידְן מִיטְ'ן קֶענֶען אַבִּיסְל הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּן יוֹרֶה דֵעָה, - קוּמְט פוּן יֵאוּשׁ!

דָאס אַז דוּ טְרַאכְסְט נִישְׁט נָאכְאַמָאל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן קֵיין לָשׁוֹן הָרָע**", קוּמְט פוּן יֵאוּשׁ, אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה אִיז מֶען זִיךְ מְקַבֵּל צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר 'שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן', אוּן מֶען טְרַאכְט נָאךְ יֶעדֶעס מָאל ווֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַ צְוֵוייטְן: '**אוֹי, מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן קֵיין לָשׁוֹן הָרָע**', אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ 'אַזוֹי גֵייט עֶס, דָאס אִיז דִי ווֶעלְט, מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם'... אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר ווִיל מֶען הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף דַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוֹיף דֶעם הָאבְּן מִיר דֶעם רַבִּי'ן וָואס זָאגְט אוּנְז: "**גְּעוואלְד, זַייט אֵייךְ נִישְׁט מְיָאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!**" דוּ קֶענְסְט נָאךְ יָא זוֹכֶה זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן קֵיין 'לָשׁוֹן הָרָע', דוּ קֶענְסְט נָאךְ יָא זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן 'שְׁמִירַת עֵינַיִם', בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן קֵיין לָשׁוֹן הָרָע**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם**", **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הָאבְּן שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה, אִיךְ ווִיל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר**".

### דֶער קִינְד אִיז מַיין קְרֶעדִיט...

דָאס אִיז אַ מַתָּנָה וָואס דֶער רַבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', וָואס זָאל נָאר זַיין מִיט אַ מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען זָאל טוּן מִיט אִים, הָאט עֶר אַלֶץ דִי מוֹיל וָואס עֶר קֶען בֶּעטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל דַאווְנֶען**", דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע

זַאךְ וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען בְּמַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן; וואוּ דוּ בִּיסְט, אוּן וָואס דוּ בִּיסְט, מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל, גְרוֹיס, קְלֵיין, יוּנְג אוּן אַלְט, קְלוּג אוּן נִישְׁט קְלוּג, גוּט אוּן נִישְׁט גוּט, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן... קֶען עֶר בֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עח): רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע וָואס גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אִיר קִינְד; בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער כַּאפְּן דָאס נָאכְנִישְׁט, אַזוֹי גֵייט עֶס, אַלֶע פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן טְשֶׁעפְּטְשֶׁעןֶען זִיךְ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דֶער טַאטֶע טוּט זִיךְ אוֹיף מִיטְ'ן קִינְד: **"דֶער קִינְד אִיז מַיין קְרֶעדִיט"**... בִּיז דָאס קִינְד הֵייבְּט אָן שְׁמֶעקְן, דַאן וִויל שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט הָאבְּן מִיטְ'ן קִינְד - נָאר דִי מַאמֶע, מֶען טְרָאגְט אִים צוּ דִי מַאמֶע, זִי וַואשְׁט אִים אַרוּם, זִי רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְ'ן קִינְד, זִי רֶעדְט אוּן זִינְגְט צוּם קִינְד, אוּן זִי טוּט אִים צוּרִיק אָן שַׁיין, יֶעצְט קוּמֶען אַלֶע צוּרִיק זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְ'ן קִינְד, נָאר דִי מַאמֶע גֵייט אַרָאפּ מִיטְ'ן קִינְד אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער פַארְשְׁמִירְטֶערְהֵייט, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי אִיז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען קֵיינֶער וִויל נִישְׁט שְׁטֵיין גֶעבְּן אִים, **"שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? דָאס טוּסְטוּ? דָאס טְרַאכְסְטוּ?!"** אַלֶע שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים **"שֵׁיגֶץ אַרוֹיס!"** בְּלַייבְּט אֵיין זַאךְ מִיט אִים, דָאס מוֹיל, זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק מִיר אָן וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, נֶעם מִיךְ צוּרִיק, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**.

## אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר...

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא פוּן בְּרֶסְלֶב, יֶעדְן טָאג קוּמֶען דָא גֶעסְט קוּקְן דִי שְׁטֶעטְל זָאגְן מִיר מֶענְטְשְׁן כְּסֵדֶר: **"אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק"**... זָאג אִיךְ צוּרִיק: אִיךְ בִּין אוֹיךְ נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין סַאטְמַארֶ'ער חֵדֶר, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן אִיךְ זָאל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי עֵצָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג; וְעַיֵּין שָׁם בְּמִשְׁנָה בְּרוּרָה סְעִיף קָטָן ח); אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, מֶענְטְשְׁן קוּקְן אָן מִשְׁנַיוֹת וִוי אַ רִיזִיגֶע זַאךְ, וִוי עֶס פְלֶעגְט זַיין דִי אַלְטֶע סֶעט מִשְׁנַיוֹת פוּן דְרַייצְן גְרוֹיסֶע בֶּענְדֶער, הַיינְט קֶען מֶען הָאבְּן גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת אִין אֵיין בַּאנְד, אוּן הַיינְט אִיז דָא מִשְׁנַיוֹת מִיט וַוייכֶע דֶעקְלֶעךְ וָואס מֶען קֶען הַאלְטְן בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ, וֶוען מֶען הָאט אַ מִינוּט לֶערְנְט מֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ סְטִיקֶער אַלְס סִימָן וואוּ מֶען הַאלְט; אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען גְמָרָא, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיים רֶבִּי'ן קֶענֶען אֲפִילוּ בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט מֶען מִיר פְרֶעגְן אוֹיבְן אִין הִימְל: **"הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט מִשְׁנַיוֹת? הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט גְמָרָא?"** בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט מִיר צוּ דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

אַז מֶען שְׁמֶעקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֶסְן, אוּן מֶען אִיז טוֹעֵם פוּן רֶבִּינְ'ס עֶסְן, דֶערְמַאנְט עֶס מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, אַנְשְׁטָאט לוֹיפְן צוּ נַארִישְׁקֵייטְן, "אִיךְ גֵיי הָאבְּן גֶעלְט", אוּן "אִיךְ גֵיי הָאבְּן גֶעלְט", בְּרֶענְגְט מִיר דֶער רֶבִּי אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס מֵיינְט טַאקֶע נִישְׁט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן פַּרְנָסָה, דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, אָבֶער דֶער קָאפּ זָאל לִיגְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם חָתָן:** זָאלְסְט וִויסְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, קוּמְט בִּזְכוּת מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוען דִי וַוייבּ וִויל פָארְן מִיט אַ קַאר סֶערְוִויס, רֶעגְט עֶר זִיךְ: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין צוּפִיס?" אוּן וֶוען זִי בֶּעט גֶעלְט צוּ נֶעמֶען אַ פְרוֹי זָאל רֵיינִיגְן דֶעם הוֹיז, וֶוערְט עֶר אוֹיסֶער זִיךְ אוּן שְׁרֵייט: **"דוּ עֶסְט מִיר אוֹיף דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט!"** גֶעלְט וֶועסְטוּ נָאר הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שַׁיין אוּן אִיר גֶעבְּן גֶעלְט, מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַ שַׁארְפֶע לָשׁוֹן פוּן תִּקּוּנֵי זֹהַר (הַקְדָּמָה ב.): **"קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְאֲבָהָן"**, אַ קַמְצָן אִיז אַ נָבָל; אִין שְׁטוּבּ טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַיין קַמְצָן, אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט קַיין קַמְצָן אִין שְׁטוּבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

בַּיים רֶבִּי'ן אַז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת צוּ הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען וִויסְן אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאר וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט שְׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן טִישׁ, וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט שְׁלוֹם בַּיִת הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז קְדוּשַּׁת הַמֹּחַ אוּן טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ; זַיי נִישְׁט קַיין קַמְצָן, נִישְׁט מִיט גֶעלְט אוּן נִישְׁט מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, זַייט זִיךְ מְחַזֵּק אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן.

## אַ שֵׁיינֶע רַייכֶע וֶועג צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה

וֶועסְטוּ פְרֶעגְן: **"פוּן וואוּ זָאל אִיךְ נֶעמֶען גֶעלְט צוּ גֶעבְּן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט!"** - מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט - דוּרְךְ הֲפָצָה, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: וִוי אַזוֹי קֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קְרֶעכְצְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה? עֶס אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע אוּן רַייכֶע וֶועג צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, צוּ גֵיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בַּיי דִי הַייזֶער, אַזוֹי אִיז מֶען נִישְׁט קַיין נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת אוּן אַ מְצַפֶּה לְשֻׁלְחָן חֲבֵירוֹ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה לב:) אַז "עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ".

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שְׁמוּעֶס:** מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דָאס יָאר קָאסְט דִי נְסִיעָה אַסַאךְ גֶעלְט, פַאר דִי פְלִיגֶער אוּן בַּאנֶען וְכוּ', עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לֵייגְן אַוֶועק פֶּעקְלֶעךְ גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אוֹיסְגֶעגְלִיכְן אַלֶע הוּנְדֶערְטֶערְס אוֹיף אֵיין זַייט, גֶעעֶפֶנְט אַלֶע שְׁפִּיצְן, אוּן אֲפִילוּ גֶעבִּיגְלְט דִי גֶעלְט עֶס זָאל זַיין שֵׁיין גְלַאט... דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי פֶּעקְל גֶעלְט פַאר דִי נְסִיעָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ זָארְג פַאר עֶנְקֶער שְׁפֶּעזְן, דִי וֶועג צוּ מִיר אוּן דִי וֶועג אַהֵיים"**, אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן לג): **"בִּזְכוּת הַצַּדִּיק תַּלְמִידָיו מִתְפַּרְנְסִים"**, אַז דוּ קוּמְסְט צוּם צַדִּיק וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמֶעקְן אוּן עֶסְן פוּן דִי גוּטֶע עֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וֶועט אוּנְז אִינְגַאנְצְן מְתַקֵּן זַיין, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגּוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"**.